# „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פ

**די פאַלשע אויסטייטשונג פון דעם פסוק אין דער „ענציקליקע״ פון דעם פויפּסט דזשאַן פּאָל דער 2טער. — דער פּראָטעסט וועגן דעם פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס צום וואַטיקאַן איז אַ כבוד פאַר אידן. — פון וואַנען דער פויפּסט האָט געשעפּט זיין „לומדות״. — דער אידישער טייטש פון דעם פסוק. — אַ בליק אין דער גמרא און אין רמב״ם.**

פון הרב אהרן בן-ציון שורין

ווי עס זעט אויס, האָט די קאַטוילישע קירכע נאָך אַלץ ניט אויפגעגעבן איר אַלטן חשבון מיט דער אידישער אמונה; מיט דעם אידישן פאָלק, די טרעגער פון דער אידישער תורה.

די קאַטוילישע קירכע, וועלכע האָט זיך פאַרנומען צו זיין די יורש׳טע פון אידישן פאָלק, האָט די טעג ווידער באַנייט איר אַלטן היסטאָרישן קאַמף קעגן דער אידישער תורה.

אין זיין „ענציקליקע״ (פויפּסטלעכער צירקולאַר), פון 2טן דעצעמבער, 1980, האָט דער פויפּסט, דזשאַן פּאָל דער צווייטער, ווידער איבערגע׳חזר׳ט די אַלטע טענה פון „אותו האיש״ (יעזוס) קעגן דער תורה.

דער פויפּסט האָט אַזוי געזאָגט:

„ניט אומזיסט האָט קריסטוס (יעזוס) געמאַכט זיין אַרויספאָדערונג צו זיינע צוהערער, די גלויביקע אין דער לערע פון דער תורה, פאַר זייער שטעלונג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די ווערטער: „אַן אויג פאַר אַן אויג״ און „אַ צאָן פאַר אַ צאָן״.

און דער פויפּסט באַטאָנט:

„די דאָזיקע לערע איז געווען אַ פאַרקריפּלונג פון גערעכטיקייט אין דער דאַמאָלסדיקער צייט (פון יעזוס׳ן, מיט אַרום צוויי טויזנט יאָר צוריק). און די דאָזיקע פאָרמולע ווערט נאָך אויך היינט פאַרגעזעצט״.

פונקט ווי יעזוס אַמאָל (לויט דער עוואַנגעליע) האָט דער פויפּסט געוואָלט אויך איצט אָנווייזן אויף דער העכער מאָראַלער לערע פון קריסטנטום (מ׳שטיינס געזאָגט), אין פאַרגלייך מיט דער לערער פון אידנטום.

אין דער כלומר׳שטער „באַרג דרשה״ פון „אותו האיש״, וואָס ער זאָל האָבן גערעדט צו זיינע נאָכפאָלגער, האָט ער צ״יישן אַנדערעס אויך אַזוי געזאָגט:

„איר האָט געהערט, אַז ס׳איז געזאָגט געוואָרן: „אַן אויג פאַר אַן אויג״, און „אַ צאָן פאַר אַ צאָן״. אָבער איך (יעזוס) זאָג אייך, שטעלט אייך ניט אַנטקעגן דעם שלעכטן. נייערט ווער עס שלאָגט דיך אויף דער רעכטער באַק, שטעל אים אונטער אויך די אַנדערע באַק״ (מתיא, ז, 38).

דער פויפּסט היינט, ווי יעזוס אַמאָל, האָט ווידער געוואָלט באַווייזן און באַטאָנען, אַז די אידישע תורה געזעצן זיינען געזעצן פון האַרטער נקמה, אין פאַרגלייך מיט דער קריסטלעכער רעליגיע, וועלכע איז אַ רעליגיע פון רחמנות...

דער ערשטער און דער איינציקער פון אידן (אַזוי דוכט מיר), וואָס האָט זיך באַלד אָפּגערופן אויף דער פאַלשער פויפּסטלעכער אויסטייטשונג פון פסוק „עין תחת עין״, איז געווען דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס.

הענרי זיגמאַן, דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז דער פויפּסט האָט פאַלש אויסגעטייטשט דעם פסוק פון חומש „אַן אויג פאַר אַן אויג״. מר. זיגמאַן האָט נאָך צוגעגעבן, אַז די דאָזיקע שטעלונג אין דער פויפּסטלעכער „ענציקליקע״ איז אויך אין ווידערשפּרוך מיטן גייסט פון די וואַטיקאַן־פּרינציפּן („גאַיד לאַינס״) פון יאָר 1975, וואָס שטעלן פאָר מיט זיך אַ וויכטיקן פאָרשריט אין די קאַטויליש־אידישע באַציאונגען.

מר. זיגמאַן האָט אויך צוגעגעבן:

„די ציטירטע שטעלע פון דער „ענציקליקע״ איז אַ פאַרקריפּלונג פון יודאַאיזם, אין די צייטן פון קריסטוס׳ן. אידן האָבן שוין דאַן פאַרשטאַנען און אינטערפּרעטירט דעם ביבלישן פסוק „אַן אויג פאַר אַן אויג״, צו אַ פאַרגיטיקונג מיט געלט פאַר פיזישע שאָדנס פון איין מענטש קעגן אַ צווייטן. דערביי דאַרף אויך אונטערגעשטראָכן ווערן — האָט מר. זיגמאַן ווידער באַטאָנט — אַז עס עקזיסטירט נישט קיין שום באַווייז, אַז דער דאָזיקער ביבלישער פסוק זאָל ווען עס איז דורך אידן ווערן אינטערפּרעטירט, אַז דאָס באַרעכטיקט צו פיזישער שטראָף. עס איז דעריבער ביז גאָר פיינלעך וואָס די פויפּסטלעכע ענציקליקע מאַכט דעם איינדרוק, אַז אין די צייטן פון קריסטוס׳ן (אותו האיש) האָבן אידן פּראַקטיצירט „לעקס טאַליאָניס״ (נקמה גענבאָט). מר. זיגמאַן פאַרענדיקט: מיר האָפן, אַז די געהעריקע שריט וועלן געמאַכט ווערן צו קאָרעגירן און אויפקלערן די פאַרדריסלעכע שטעלע״. („פאָרווערטס״, דעצ. 19, 1980).

איך וויל דאָ באַטאָנען, אַז דער ענטפער פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס צום וואַטיקאַן איז אַ קידוש השם און אַ כבוד פאַר אידן. ס׳איז אַ דאַנק דעם באַשעפער, וואָס מיר לעבן היינט אין אַ פרייער אַמעריקע, וואו מען קען אַזעלכעס באַווייזן. מיט יאָרן צוריק, ווען די קאַטוילישע קירכע האָט געהערשט אין אייראָפּע, וואָלט מען אַזאַ ענטפער ניט געקענט געבן צום וואַטיקאַן. ניט אפילו אין אַ אידישער צייטונג. וואָרים, דער צענזאָר פון דער קירכע וואָלט עס אויסגעמעקט. און היינט, האָט אויך די „נ. י. טאַימס״ געדרוקט דעם „סטעיטמענט״ פון אידישן קאָנגרעס אין דעם זעלבן טאָג. פון „פאָרווערטס״ דעצ. 19, 1980.

מען דאַרף פאַר אידן ניט צוגעבן, אַז מר. הענרי זיגמאַן איז גערעכט, מיטן אָנווייזן דעם אידישן טייטש פון דעם פסוק „אַן אויג פאַר אַן אויג״. יעדער חדר־אינגל, 6־7 יאָר אַלט, האָט שוין געלערנט אין חדר, דעם פסוק חומש מיט רש״י, אַז „עין תחת עין״ מיינט „ממון״ — געלט. און רש״י ווייזט אָן דעם מקור פאַר דעם אין דער גמרא בבא קמא, פ״ד.

ב״ה

די פינף ספרים פון דער תורה, אַ אַזוי:

# ...אַר אַ צאָן״

איצט לאָמיר גיין צו אידישע קוואַלן, וועלכע רעדן אויך וועגן דעם זעלבן ענין. קודם לאָמיר אַ בליק געבן אין רמב״ם.

דער רמב״ם, אין הלכות חובל ומזיק, פרק א. הלכה ב׳ זאָגט: „עין תחת עין״ (שמות כ״א, כ״ד) מפי השמועה למדו שזה שנאמר: „תחת״ לשלם ממון הוא. אין אידיש: דער „אַן אויג פאַר אַן אויג״ — מיינט געלט!

און אין הלכה ו׳ שרייבט דער רמב״ם: ואעפ״י שהדברים אלו נראין מענין תורה שבכתב וכולם מפורשין הם מפי משה רבנו מהר סיני, כולם הלכה למשה הם בידינו, וכזה ראו אבותינו דנין בבית דינו של יהושע, ובבית דינו של שמואל הרמתי, ובכל בית דין ובית דין שעמדו מימות משה רבנו ועד עכשו.

אין אידיש: דער רמב״ם באַטאָנט דאָ, אַז דעם אויסטייטש פון „עין תחת עין״ מיינט געלט (און ניט קיין פיזישע שטראָף) האָט שוין, אָט דעם טייטש, געקראָגן משה רבנו אויפן באַרג סיני. און דאָס גלייכן מיינט באַצאָלן מיט געלט אויך דער „שן תחת שן״; יד תחת יד: רגל תחת רגל: חבורה תחת חבורה — כולם הלכה למשה הם בידינו. און דער רמב״ם באַטאָנט, אַז אַזוי האָבן געזען אונזערע עלטערן פסקנ׳ען אין דעם בית דין פון יהושע בן נון; אין דעם בית דין פון שמואל הרמתי (הנביא) און אין יעדן בית דין זינט די צייטען פון משה רבנו ביז היינט.

אַזוי אַרום איז קלאָר פון רמב״ם, אַז אויב ס׳איז יאָ אַמאָל געווען אַזאַ „אותו האיש״, אָדער אַז ער האָט געלעבט אין די צייטן פון די תנאים — ווי עס ווייזט אויס פון איין שטעל אין דער גמרא, אַז ישו (יעזוס) איז געווען אַ תלמיד פון רבי יהושע בן פרחיה (לויט „חסרונות הש״ס״, סנהדרין ק״ז:) — וואָלט ער זיכער ניט געקענט פאַרלייקענען דעם אידישן טראַדיציאָנעלן טייטש פון דעם פסוק „עין תחת עין״. (נאָר די אַפּאָסטאָלן פון יעזוס׳ן האָבן שפּעטער געפעלשט דעם טייטש פון פסוק, און אים אַרייַנגעלייגט אין מויל.. אין זיין „באַרג דרשה״, וואָס איז סאַי־ווי־פול מיט סתירות...). און אַזוי איז שוין פאַרבליבן אין דער עוואַנגעליע. ממילא, איז שוין אפשר אויך קיין וואונדער ניט וואָס דער פויפּסט האָט עס איצט ווידער איבערגעקייט.

און צוריק־ריידנדיק קאָן מען היינט אויך מאָנען פון פויפּסט צו וויסן עפּעס בעסערס.

ווען די אַפּאָסטאָלן האָבן פאַרשריבן די „באַרג דרשה״ מיטן פאַלשן טייטש פון „עין תחת עין״, — האָבן זיי מיט דעם געצילט דאָן פאַר די אומוויסנדע געצנדינערישע פעלקער. אָבער, ביי היינט צו טאָג, ווען דער פויפּסט רעדט אויך צו אידן, זיינען שוין פאַראַן גענוג אידישע ספרים איבערגעזעצט אין פאַרשיידענע שפּראַכן, אין וועלכע דער וואַטיקאַן קאָן געפינען דעם טראַדיציאָנעלן היסטאָרישן אידישן טייטש פון דעם פסוק „אַן אויג פאַר אַן אויג״, אַז ס׳מיינט געלט. און ממילא איז עס פּשוט אַ שאַנדע פאַר אַזאַ הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייט ווי דער פויפּסט, איבערצוחזר׳ן היינט אַזאַ „עם הארצות...״

איצט לאָמיר אַ בליק געבן אין די גמרא־קוואַלן, וועלכע דערקלערן די „הלכה למשה מסיני״, אַז עס האָט גאָר קיינמאָל ניט געקענט מיינען פּשוט, ווערטערלעך, „אַן אויג פאַר אַן אויג״.

פאַרוואָס ניט?

אין פאַרבינדונג מיטן פסוק „עין תחת עין״, בבא קמא, דף פ״ג־פ״ד, באַהאַנדלט די גמרא די געטלעכע תורה׳דיקע גערעכטיקייט אַזוי:

באַלד נאָך דעם פסוק אין חומש „עין תחת עין״, „שן תחת שן״ א. אַז. וו. ענדיקט אָפּ די תורה די דאָזיקע פרשה מיט דעם פסוק: „משפט אחד יהיה לכם״ (ויקרא, כ״ד, כ״ב) און די גמרא טייטשט אָפּ דעם פסוק: משפט השוה לכולכם. עס מיינט אין אידיש: איין געזעץ זאָל זיין פאַר אַלעמען גלייך!

און דערפאַר, זאָגט די גמרא. קאָן מען גאָר ניט לערנען דעם פסוק „אַן אויג פאַר אַן אויג״, ווערטערלעך, ווי למשל:

אויב ראובן האָט אויסגעהאַקט שמעון׳ס אויג, זאָל מען דערפאַר אויך אויסהאַקן ראובנ׳ס אויג. און דאָס וועט זיין די אידישע גערעכטיקייט, לויט יעזוס׳ן אַמאָל, און לויט דעם איצטיקן פויפּסט היינט.

פאַרוואָס קאָן מען טאַקע אַזוי

(שלוס אויף זייט 15)

# „אן אויג פאר א אויג, א צאן פאר א צאן"

(שלוס פון זייט 6)

נים לערנען דעם פסוק ?, פירט אויס די גמרא, ווייל דאן וואלט די גערעכטיקייט נים געווען קיין גלייכע. די גמרא גיט אויף דעם עטלעכע ביישפילן. איין ביישפיל איז: וואָרים אויב מען וועט אויס־האַקן דאָס אויג ביי ראובן אלס א שטראָף פאַר אים, איז דאָך רעכט אַז ראובן זאָל גאָר שטאַרבן פון דעם. אַוועלכעס קען דאָך פּאַסירן. און דאַן וועט דאָך אויסקומען: נים „אַן אויג פאַר אַן אויג", נאָר „דאָס אויג און לעבן פאַר אויג". „נפש ועין תחת עין". טאָ ווי אַזוי וועט דאַן זיין די גלייכע גע־רעכטיקייט פאַר אַלעמען?... וואָ־רים די תורה זאָגט דאָך נאָר „עין תחת עין", און נים „נפש ועין תחת עין".

אַ צווייטער ביישפיל:

ראובן האָט איין אויג, און ער האָט אויסגעהאַקט אַן אויג ביי שמעון, וואָס האָט צוויי אויגן, און אויב מען וועט איצט אויס־האַקן ביים שולדיקן ראובן, זיין איינציק אויג, וועט ער דאָך בלייַ־בען אינגאַנצן בלינד. טאָ ווי אַזוי וועט אין דעם פאַל זיין דער „משפט אחד יהיה לכם"?

און דערפאַר באַטאָנט די גמרא, אַז די אידישע טראַדיציע פון טייַ־טשען דעם פסוק „עין תחת עין" איז שטענדיק געווען — „ממון", געלט. אָט אַזוי ווי דער רמב"ם זאָגט: „זינט די צייטן פון משה רבנו ביזן הייַנטיקן טאָג".

די איינציקע וואָס טייַטשן דעם פסוק „עין תחת עין" („אַן אויג פאַר אַן אויג") בוכשטעבלעך, ווערטערלעך, זייַנען די קאַראַאי־מער...

נאָר מער וועגן דעם ענין אין א 2טן אַרטיקל, אי"ה, קומענדיקן דינסטיק.